בס"ד

פרשת
דברים - איכה
תשפ"ו
גליון ר"ב
שנה ה'

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

### די מחלוקת פון קרח איז צושטאנד געקומען נאר צוליב די גזירה וואס איז נגזר געווארן דורכ'ן חטא העגל

**וחצרות ודי זהב.** (א, א)

רש"י זאגט, אז "**וחצרות**" מיינט די מחלוקת פון קרח, און "**ודי זהב**" מיינט די חטא העגל. דארף מען פארשטיין, פארוואס שטעלט זיי דער פסוק איינער נעבן דעם צווייטן?

נאר דער רמב"ן אין פרשת קרח איז מסביר די סיבה פארוואס קרח האט זיך גענומען קריגן מיט משה רבינו נאר נאכן שיקן די מרגלים און נישט גלייך ווען אהרן איז געווארן כהן גדול, ווייל אין אנפאנג האבן די אידן מורא'דיג ליב געהאט משה רבינו, ווייל ער איז געשטאנען אין יעדע צייט און מתפלל געווען פאר זיי, און אפילו נאכ'ן חטא העגל האט משה רבינו מיט זיין כח התפילה מציל געווען רוב כלל ישראל פון כליה, האט קרח פארשטאנען אז אויב גייט ער יעצט בארעדן משה רבינו וועלן זיך אלע אננעמען פאר משה, דערפאר האט ער זיך דאן נישט געטרויעט צו רעדן אנקעגן משה.

אבער במשך די נאכפאלגענדע תקופה, נאך וואס אין תבערה און אין קברות התאוה זענען אסאך אידן געשטארבן, און אזוי אויך נאכן שיקן די מרגלים ווען עס איז נגזר געווארן אז די אלע יוצאי מצרים וועלן שטארבן אין מדבר האט משה רבינו נישט מתפלל געווען פאר זיי, האט קרח פארשטאנען אז יעצט איז שוין כלל ישראל אנגעווייטאגט אויף משה, און די אידן וועלן עס שוין יא מקבל זיין, במילא האט ער זיך דעמאלטס שוין ערלויבט צי קריגן אויף משה רבינו.

אבער וואס איז טאקע די ענטפער, אז לכאורה אויב ער האט געקענט מבטל זיין די גזירה ביי אזא הארבע עבירה ווי די עגל, וואלט ער דאך אודאי אויך געדארפט קענען מבטל זיין די גזירה ביי די מרגלים? נאר די סיבה איז, ווייל עס איז צוגעגליכן צו א וואגשאל וואס איז אנגעפילט פון ביידע זייטן, און עס שטייט גלייך אויף גלייך, וואס אויב ווערט מען צולייגן אפילו א קלייניגקייט ביי איין זייט ווערט עס איבערוועגן, און אזוי אויך איז געווען דא, אז כאטש וואס אויף די חטא המרגלים אליינס וואלט ער באמת יא געקענט פועל'ן צו מבטל זיין די גזירה, איז היות אז זיי האבן שוין פארדעם געהאט געזינדיגט מיט די חטא העגל, און עס שטייט אין רש"י (במדבר יד, לג) אז ביים חטא העגל איז שוין געווען עלה במחשבה לפניו צו מאכן די גזירה, נאר משה רבינו האט דאס אפגעהאלטן מיט זיין תפילה, קומט אויס אז די עונש איז שוין געווען תלוי ועומד, און שפעטער ווען די חטא המרגלים האט זיך מצטרף געווען צו די מעשה העגל, האבן ביידע חטאים צוזאמען איבערגעוואויגן און דאן האט שוין משה רבינו מער נישט געקענט מבטל זיין די גזירה.

וועגן דעם האט דא משה רבינו דערמאנט די מעשה פון קרח, צוזאמען מיט דעם חטא העגל, צו ארויס ברענגען, אז די גאנצע מחלוקת פון קרח ועדתו איז בעצם ארויס געקומען פון דעם חטא העגל, ווייל די סיבה פארוואס קרח האט געקענט קריגן אויף משה רבינו איז דאך געווען ווייל משה רבינו האט נישט געקענט מבטל זיין די חטא המרגלים, און די גאנצע סיבה פארוואס טאקע ער האט נישט געקענט מבטל זיין די חטא המרגלים איז דאך געווען ווייל דאס איז שוין געקומען נאכן חטא העגל, זעט מען דאך פון דעם אז קיין איין עבירה ווערט נישט פארגעסן, און עס האט א שלעכטע השפעה לדורות, איז פון דעם דארף מען זיך ארויסלערנען נישט צו זינדיגן ווייל מען קען נישט וויסן וואו דאס וועט זיך אפצאלן אפילו מיט א לענגערע צייט שפעטער.

### צווישן צוויי פרעמדע מענטשן מוז נישט דער דיין משפט'ן ווייל די מן וועט שוין אויפווייזן

**ואצוה את שופטיכם בעת ההוא לאמור שמוע בין אחיכם ושפטתם צדק בין איש ובין אחיו ובין גרו.**

(א, טז)

מען קען מסביר זיין דעם פסוק, לויט ווי חז"ל זאגן (יומא עה.) אז ווען צוויי מענטשן זענען געקומען צו משה רבינו אויף א דין תורה, איינער האט גע'טענה'ט ער האט גע'גנב'עט מיין קנעכט, און דער צווייטער האט גע'טענה'ט ער האט אים פארקויפט פאר מיר, האט משה רבינו געזאגט: לאמירווארטן אויף מארגן, און צומארגנס האט מען געקוקט ביי וועמען עס איז געפאלן נאך אן עומר פון מן, און אזוי האט מען געוואוסט אז דער קנעכט איז זיינער.

קומט אויס, אז ביי א דין תורה צווישן צוויי **פרעמדע מענטשן** וואס האבן נישט געוואוינט אין איין הויז, האט דער דיין נישט געדארפט אליינס משפט'ן, נאר עס איז גענוג געווען אז ער זאל הערן זייערע טענות, און שפעטער איז דאס אליינס געווארן אויפגעוויזן לויט די מן. אבער ווען עס איז געקומען א דין תורה צווישן צוויי **נאנטע מענטשן** וואס האבן געוואוינט אין איין הויז האט מען דאך נישט געקענט באקוקן לויט די מן, ווייל ביידע וואוינען דאך אויף איין פלאץ, דארט האט דער דיין אליינס געדארפט ארייננטראכטן צו משפט'ן ריכטיג.

מיט דעם קען מען טייטשן די לשון הפסוק אז דאס איז ציטיילט אין צוויי, אז אין אנפאנג שטייט "**שמוע בין אחיכם**" צו זאגן אז צווישן **ענקערע ברידער** - גאנץ כלל ישראל וואס האבן נישט קיין דירעקטע קירבה, איז גענוג אז די דיינים זאלן נאר **הערן** זייערע טענות און די

זכות פרנס החודש נתנדב ע"י הרבני הנכבד
הר"ר דוד לייבוש גוטמאן הי"ו

מן וועט שוין אויפווייזן ווער עס איז גערעכט. אבער "**ושפטתם צדק**" ענק ווען דארפן **אליינס** אריינטראכטן און משפט'ן ריכטיג "**בין איש ובין אחיו**" צווישן א מענטש **און זיין ברודער** וואס וואוינט צוזאמען מיט אים, אדער "**ובין גרו**" א פרעמדער וואס וואוינט מיט אים אין איין הויז, ווייל ביי זיי קען מען דאך נישט זען לויט די מן ווער איז גערעכט, במילא ווען די דיינים אליין דארפן משפט'ן.

## מגילת איכה

### אפילו אין גלות בלייבן די אידן ווייטער געקניפט און געבונדן מיט'ן אויבערשטן

**איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה רבתי בגוים שרתי במדינות היתה למס.** (א, א)

די גמרא זאגט אין מסכת גיטין (פח.), אז דער עיקר חטא ביים חורבן בית ראשון איז געווען ווייל זיי האבן געדינט ע"ז, און עס ווערט געברענגט דריי טענות וואס אידן האבן געהאט אז מעג מען ח"ו יא דינען ע"ז, קען מען זאגן, אז אויף אלעס האט דא דער נביא מרמז געווען א פירכא:

איינס, ווי די גמרא זאגט (סנהדרין קה.) אז ווען דער נביא איז געקומען זאגן פאר די אידן אז זיי זאלן תשובה טון האט מען אים געענטפערט: א פרוי וואס איר מאן האט איר מגרש געווען אדער אן עבד וואס זיין האר האט אים פארקויפט קענען זיי דען נאך עפעס פאדערן?! און אויב דער אויבערשטער האט פארטריבן די אידן אין גלות און זיי פארקויפט פאר נבוכדנאצר, קען ער דען פארלאנגען אז זיי זאלן אים בלייבן געטריי?!

אבער באמת איז דאס נישט קיין ריכטיגע טענה, ווי די גמרא דארט זאגט אז דער אויבערשטער האט געשיקט דעם נביא זיי ענטפערן דעם פסוק (ישעיה ג, א) "אֵי זֶה סֵפֶר כְּרִיתוּת אִמְּכֶם אֲשֶׁר שִׁלַּחְתִּיהָ", און ווי די גמרא איז מאריך, אז דער באשעפער האט אונז נישט מגרש געווען, און אפילו אין גלות געהערן מיר ווייטער צום אויבערשטן.

די צווייטע טענה איז וואס דער מדרש זאגט (ויק"ר ד, ו) אז א גוי האט געפרעגט פון רבי יהושע בן קרחה: אין די תורה שטייט דאך "אחרי רבים להטות" אז מען דארף גיין נאך רוב, און אויב אזוי דארפן די אידן גיין נאך די רוב גוים וואס דינען ע"ז?!

דאס איז אבער אויך נישט קיין טענה, ווי דער מדרש זאגט, אז רבי יהושע בן קרחה האט מסביר געווען פאר זיינע תלמידים, אז די גוים הייסן נישט קיין רוב, וויבאלד אז יעדער גוי דינט פאר א צווייטע אפגאט, און עס איז נישטא קיין איין ע"ז וואס רוב וועלט דינט איר, במילא הייסן די גוים אסאך יחידים און זיי זענען זיך נישט מצטרף צו ווערן פאררעכנט אלץ רבים. נאך א תירוץ אויף דעם, אז דער דין איז דאך (יו"ד קי, א) אז א דבר חשוב ווערט נישט בטל ברוב, און די אידן זענען א **דבר חשוב** און א **דבר ניכר** ווי עס שטייט א פסוק (ישעיה סא, ט) "כל רואיהם יכירון כי הם זרע ברך ה'", ממילא איז ביי אידן נישטא דער דין פון בטל ברוב.

די דריטע טענה שטייט אויך אינעם אויבנדערמאנטן מדרש (שם לג, ו) אז נבוכדנאצר האט געזאגט פאר חנניה מישאל ועזריה: אין די תורה שטייט דאך (דברים כח, סד) "ועבדתם שם אלהים אחרים", אז דער אויבערשטער וועט צושפרייטן די אידן צווישן די פעלקער און דארט וועלן זיי דינען פרעמדע אפגעטער, אויב אזוי דארפן זיי דאך דינען ע"ז זייענדיג אין גלות?!

דאס איז אבער אויך נישט קיין טענה, ווי חנניה מישאל ועזריה האבן געענטפערט, אז דער פסוק מיינט צו זאגן אז די אידן וועלן דינען די גוי'אישע קעניגן **מיט שטייער** און צוואנגס ארבעט.

דאס קומט דא דער נביא זאגן: "**איכה ישבה בדד העיר רבתי עם**" ליידער איז די גרויסע שטאט ירושלים אזוי עלנד ווייל די אידן זענען פארטריבן געווארן אין גלות, און די סיבה איז דאך וויבאלד זיי האבן געדינט ע"ז, אבער עס איז נישטא קיין שום תירוץ צי מעגן דינען ע"ז, ווייל אויף די טענה פון "אשה שגרשה בעלה" זאגט ער "**היתה כאלמנה**" ווי רש"י איז מסביר אז דאס מיינט נאר אזוי ווי אן אלמנה און נישט א אלמנה ממש, נאר **אזוי ווי** א פרוי וואס איר מאן איז געפארן למדינת הים - וואס כאטש וואס זי איז אליינס, איז זי נאך אלץ אין איר מאן'ס רשות און זי טאר נישט גיין צו א צווייטן. און אויף די טענה פון "אחרי רבים להטות" זאגט ער "**רבתי בגוים**" אז די אידן זענען **רוב** צווישן די פעלקער, ווייל די גוים זענען נישט ראוי צו הייסן רוב, אזוי אויך "**שרתי במדינות**" די אידן זענען חשוב און ניכר צווישן די גוים ממילא ווערן זיי נישט בטל, און אויף די טענה פון "ועבדתם שם אלהים אחרים" זאגט ער "**היתה למס**" אז דאס מיינט צו זאגן אז די אידן וועלן דינען די גוים **מיט שטייערן**, און נישט מיט זייערע ע"ז. אבער סוף כל סוף אפילו אין גלות האט אונז השי"ת קיינמאל נישט פארלאזט און מיר בלייבן זיינס אויף אייביג.

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטרעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב לע"נ

הרה"ח ר' **אהרן** ב"ר **יעקב הכהן פאללאק** ז"ל

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זי"ע יהא זכר ועילוי לנשמתו

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**

gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868